**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט 100,000 טיקעטס פארקויפט איף בראדוועי און אנדערע פלעצער אונטער "NYC מוזיקאלישע און טעאטערישע פראדוקציע טעקס קרעדיט פראגראם" וואס בענעפיטירט ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט

***פראדוקציעס געשטיצט דורך NYC מוזיקאלישע און טעאטערישע טעקס קרעדיט שטעלן צו ביליגע און אומזיסטע טיקעטס פאר ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט***

***גאווערנער האט פארזיכערט גרויסארטיגע איבערייטערונג פון NYC מוזיקאלישע און טעאטערישע פראדוקציע טעקס קרעדיט אין בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו אריינרעכענען פראדוקציעס נישט איף בראדוועי***

***גאווערנער האט פריער שוין געמאכט טראנספארמאטיווע 450 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו צוריקברענגען בראדוועי און אויפלעבן טוריזם, פירנדיג צו היסטארישע צאל באזוכן און סומעס אויסגעגעבן דורך טוריסטן אין ניו יארק אין 2022***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די דערגרייכונג צו מער פון 100,000 ביליגע אדער אומזיסטע טיקעטס האבנדיג געגעבן געווארן דורך פראדוקציעס איף בראדוועי און נישט איף בראדוועי וועלכע באטייליגן זיך אין די NYC מוזיקאלישע און טעאטערישע פראדוקציע טעקס קרעדיט. די טיקעטס מיט גרויסע דיסקאונטס, וואס קענען אנקומען צו זיין אזוי ווייניג ווי $20, זענען פארקויפט געווארן פאר קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע וואלטן אנדערש מעגליך נישט געהאט די געלעגנהייט צו האבן די איבערלעבעניש פון א שפיל איף בראדוועי אדער נישט איף בראדוועי. איבער 90 שפילן און מוזיקאלישע פארשטעלונגען באטייליגן זיך אין דעם פראגראם, אויסגעבנדיג צום ווייניגסטנס 1.7 ביליאן דאלאר און באשעפטיגנדיג מער פון 11,000 ארבייטער.

"ניו יארק עררייכט א ריזיגע דערגרייכונג, מיט די גרעסטע פראדוקציעס איף בראדוועי און נישט איף בראדוועי צושטעלנדיג מער פון 100,000 טיקעטס מיט דיסקאונטס פאר ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "בראדוועי איז א צענטראלע עלעמענט פון ניו יארק'ס אידענטיטעט אלס א גלאבאלע דעסטינאציע פאר קונסט און קולטור, און מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו שטיצן די אינדוסטריע דורך די טראנספארמאטיווע 'ניו יארק סיטי מוזיקאלישע און טעאטערישע פראדוקציע טעקס קרעדיט'."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די קונסט אין ניו יארק סטעיט, באזונדערס אונזערע פראדוקציעס איף בראדוועי און נישט איף בראדוועי, זענען איינס פון אונזערע גרעסטע אוצרות, און אן אוצר וואס יעדער ניו יארקער דארף האבן די מעגליכקייט צו איבערלעבן. היינט גיבן מיר אפ כבוד פאר בראדוועי, און פאר די שותפות'ן וואס האבן אונז ערלויבט צו אנקומען צו די באגייסטערנדע דערגרייכונג."

אונטער די "NYC מוזיקאלישע און טעאטערישע פראדוקציע טעקס קרעדיט" (NYC Musical & Theatrical Production Tax Credit), זענען פראדוקציעס אויף בראדוועי און נישט אויף בראדוועי אויפגעפאדערט צו אויפקומען מיט א פלאן – און עס איינפירן – צו זיכער מאכן אז זייער פראדוקציע איז צו באקומען און צוגענגליך פאר ביליג אדער אומזיסט פאר ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט. פראדוקציעס קענען ארבעטן דירעקט מיט די סטעיט רעגירונג צו טרעפן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אדער חינוך'דיגע אינסטיטוציעס וואס באדינען איינוואוינער מיט נידעריגע איינקונפט אין די ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און ראיאנען כדי צו פארטיילן טיקעטס, אדער קענען זיי ארבעטן מיט א דריטע פארטיי – ווי צום ביישפיל די Theatre Development Fund (TDF) – וואס פארטיילט ביליגע אדער אומזיסטע טיקעטס פאר סטודענטן, וועטעראנען, עלטערע בירגער, מענטשן מיט דיסאביליטיס און אנדערע גרופעס.

אין צוגאב צום מאכן טיקעטס מער צוגענגליך, זענען אנטיילנעמנדע פראדוקציעס אין דעם פראגראם געפאדערט זיך צו באטייליגן אין א ניו יארק סטעיט-באשטעטיגטע פארשידנארטיגקייט און קונטסט דזשאב טרענירונג פראגראם. פראדוקציעס קענען ארבעטן מיט אוועקגעשטעלטע פעלאָושיפּ פראגראמען וואס זענען שוין פון פאראויס באשטעטיגט געווארן, פון The Theatre Leadership Project אדער פון די Black Theatre Coalition, אדער קענען זיי אויפשטעלן זייער אייגענע פעלאָושיפּ פראגראם פאר מענטשן פון פארשידנארטיגע הונטערגרונטן זיי צו ארייננלערנען צו ארבעטן אין די טעאטער אינדוסטריע. דורך די פאדערונג האבן 75 פעלאָוס (ארייגעלערנטע סטודענטן) פון קאמיוניטיס וואס זעהען זיך ווייניגער אן אין די אינדוסטריע באקומען ארבעט אין פראדוקציעס.

**TDF'ס מענעדזשינג דירעקטאר, מייקעל ניומאן, האט געזאגט,** "עס איז געווען אן עהרע צו אנטוויקלען די 'TDF פאספארט סעריע' דורך דעם ניו יארק סיטי מוזיקאלישע און טעאטערישע פראדוקציע טעקס קרעדיט פראגראם צוזאמען מיט גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט. עס איז TDF'ס מיסיע צו מאכן די טעאטער צוגענגליך פאר יעדן און ארייננברענגען נייע צושויער. דער פראגראם טוט גענוי דאס — עס ערלויבט ניו יארקער, רוב פון גייען צום ערשטן מאל אין טעאטער וועלכע וואלטן אנדערש זיך נישט געקענט ערלויבן צו גיין צו בראדוועי אדער א פארשטעלונג נישט אין בראדוועי, צו ענדליך באקומען די טשאנס צו געניסן פון א לעבעדיגע פארשטעלונג."

**פרעזידענט פון The Broadway League, שארלאט סעינט מארטין, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז בראדוועי'ס בעסטע שותפ'טע ביים ארבעטן צו טרייבן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג און גלייכצייטיג מאכן די פארזאמלטע צושויער און ארבעטסקראפט מער פארשידנארטיג. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו צוריק ברענגען טוריסטן קיין בראדוועי, ברענגען מיר אריין מער מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי צו זיצן צווישן די פארזאמלטע און צו ארבעטן פון הונטער די קוליסן. גאווערנער האקול'ס באמיאונגען, בשותפות מיט די סענאט און אסעמבלי, האבן געפירט דערצו אז אונזערע פארשטעלונגען האבן צוגעשטעלט מער פון 100,000 ביליגע אדער אומזיסטע טיקעטס פאר ניו יארקער בשעת'ן אויך אוועקשטעלן 75 פארשידנארטיגע פעלאָושיפּ אויף בראדוועי. מיר וואלטן נישט געקענט זיין שטאלצער מיט די ווירקזאמע און באלאנסירטע אונטערנעמונג דורך אונזער גאווערנער."

**גרינדער פון The Theatre Leadership Project, טרעוויס באלענגער, בארבארע בראקאלי, פעטריק דעלי, אליסיע פארקער און ליע וואלאק, האבן געזאגט,** "The Theatre Leadership Project (TTLP) איז דאנקבאר פאר די פילע וועגן אין וועלכע מיר האבן געקענט צולייגן צו די ווערט פון די וואקסנדע טעאטערישע ארבעטסקראפט אין ניו יארק סיטי פאר די לעצטע דריי יאר. מיר פילן שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיר האבן ערגרייכט בשותפות מיט דעם NYC מוזיקאלישע און טעאטערישע טעקס קרעדיט פראגראם, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן די ארבעט ווייטער. א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול פארן פארזעצן די וויכטיגע שטיצע."

**ווארען עדעמס און ט. אליווער ריד פון די Black Theatre Coalition האבן געזאגט,** "Black Theatre Coalition (BTC) איז באגייסטערט ביז גאר צו פארזעצן אונזער ארבעט מיט די ESD פאר דעם 3'טן יאר. ווען BTC איז געגרונדעט געווארן זענען טונקל-הויטיגע פראפעסיאנאלן געווען ווייניגער פון 1% פון די ארבעטסקראפט חוץ פון אקטיארן, זינגער און טאנצער. די איבערגעלעבטע ערפארונגען און קאריערעס פון אונזערע טעאטער ארבייטער זענען באריינכערט געווארן און אין עטליכע פעלער — ערמעגליכט געווארן דורך BTC'ס פעלאָושיפ פראגראם און דורך אונזער שותפות מיט ESD."

אלס טייל פון די ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט גאווערנער האקול פארזיכערט א גרויסארטיגע אויסברייטערונג פון דעם ניו יארק סיטי מוזיקאלישע און טעאטרישע טעקס קרעדיט פראגראם צו ארייננעמען אויך פראדוקציעס וואס זענען נישט אויף בראדוועי, פראדוקציעס וואס זענען וויכטיגעביישטייערער צו ניו יארק'ס עקאנאמיע פון לעבעדיגע פארשטעלונגען.

גאווערנער האקול בלייבט איבערגעגעבן צו שטיצן ניו יארק'ס פארשטעלונג קונסט סעקטאר — א קריטישע טייל פון עקאנאמישע און קולטורישע לעבן אין ניו יארק און א הויפט טרייב-קראפט פון טוריזם אריבער די סטעיט. אין לויף פון דעם פארגאנגענעם יאר, האט גאווערנער האקול געשאנקען כמעט 210 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר נאָן-פראפיט קולטורישע ארגאניזאציעס דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר די קונסט (New York State Council for the Arts, NYSCA) א דאנק פרעצעדענטלאזע פינאנצירונג פארזיכערט אין די סטעיט בודזשעט. זינט אפריל האט גאווערנער האקול אנאנסירט א סך הכל פון 132 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר ניו יארקע קונסט ארגאניזאציעס צו פינאנצירן קריטישע פראיעקטן וועלכע פארשטערקערן די סטעיט'ס פארשידנארטיגע שעפערישע סעקטאר, אריינרעכענענדיג איבער 90 מיליאן דאלאר צו שטיצן גרויסארטיגע פראיעקטן וועלכע גיבן פריאריטעט פאר קאמיוניטי אנטוויקלונג און באריינכערונג פון עפנטליכע ערטער. גאווערנער האקול האט אויך געשאנקען נאך 76 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר אנגייענדע אפעראציעס אין די בודזשעט פיסקאלע יאר 2023 וואס האט געגעבן בויגזאמע פינאנצירונג פאר כמעט 3,000 קולטורישע ארגאניזאציעס און אינדיווידועלע קונסטלער. NYSCA נעמט יעצט אן אפליקאציעס פאר איר פיסקאלע יאר 2024 אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע (Capital Projects Fund), און זיי וועלן אנאנסירן כמעט 120 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר פיסקאלע יאר 2024 אין לויף פון קומענדיגן יאר.

גאווערנער האקול היט אויך אויף א שטארקע פארפליכטונג צו אויפבויען ניו יארק'ס בליהענדע טוריזם אינדוסטריע נאכפאלגנדיג איר אנאנס אז די סטעיט האט ענטפאנגען א היסטארישע צאל פון 291.5 מיליאן באזיכער, אויפטרייבנדיג מער פון 78.6 ביליאן דאלאר אין דירעקט אויסגעגעבענע געלטער אין 2022. די גאווערנער האט אנאנסירט א 450 מיליאן דאלארדיגע "ברענג צוריק טוריזם, ברענג צוריק דזשאבס" (Bring Back Tourism, Bring Back Jobs) ערהוילונג פעקל צו שטיצן אינדוסטריעס וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע, ווי פארשטעלונג קונסט, און צו אויפלעבן טוריזם אריבער די סטעיט. די פינאנצירונג פעקל האט אריינגערעכנט: א 200 מיליאן דאלארדיגע 'סיד' פינאנצירונג גרענט; א 100 מיליאן דאלארדיגע טוריזם ארבעטער ערהוילונג קאסע; א 100 מיליאן דאלארדיגע טוריזם 'צוריק-צום-ארבעט' גרענט פראגראם; א 25 מיליאן דאלארדיגע 'טרעפט זיך אין ניו יארק' גרענט; און א 25 מיליאן דאלארדיגע I LOVE NY ("איך האב ליב ניו יארק") גלאבאלע מארקעטינג קאמפיין.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418